בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום א' פ' חיי שרה | ט"ז חשון | תשע"א | סוטה ל"ע.

# באריכט:

דעם שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש ליל שב"ק אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה ארום 9:00 אזייגער. מיט כל מקדש איז מכובד מוה"ר זלמן לייב שווארץ הי"ו פון בני ברק, מיט מנוחה ושמחה איז מכובד געווארן מוה"ר יוחנן שטראה הי"ו פון לאנדאן.

דער רבי שליט"א האט ביי די תורה זיך געשטעלט אויף די מדרש פון "לא זה שירדתם ואכלתם בתוך ביתו בשר וחלב וכו'"..

מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן מוה"ר יוסף יודא פריעדמאן הי"ו פון לאנדאן, מיט קה רבון עלם איז מכובד געווארן הר"ר שלמה כהנא שליט"א בן האדמו"ר מ'ספינקא – ירושלים שליט"א, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' שלמה רובין שליט"א רב ביהמ"ד ציעשנוב קרית יואל ור"מ בישיתיה"ק, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א פארציילט וועגן הרה"ק ר' שלום מ'קאמינקא זי"ע וועמענס יאהרצייט עס געפאלט די וואך, מיט אז ביום השביעי איז מכובד געווארן הר"ר הערשל מייזליש שליט"א פון וויליאמסבורג.

ביי שלש סעודות האט רבינו שליט"א זיך געשטעלט אויף די רש"י "הוא שנתן לו עצה על המילה", און ארומגערעדט בענין מדת ענוה, אז ס'איז דא אמאל וואס ס'דארף זיין "ויגבה לבו בדרכי ה'", און פון מצות מילה זעהט מען סיי מדת ענוה און סיי גאות דקדושה ווייל מיל"ה איז ר"ת ש'לא י'בוש מ'פני ה'מלעיגים.

היינט אינדערפרי' האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שלמה יעקב ניישטאדט הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

## שוחטים פון "אוי. יו." ארגעניזאציע בקודש פנימה

היינט פארמיטאג זענען געקומען צו מרן רבינו שליט"א די שוחטים פונעם ארגענעזאציע אוי. יו. מקבל צו זיין הדרכה און ברכתו הקודש פון רבי'ן שליט"א. דער רבי שליט"א האט בודק געווען זייערע חפלים און סכינים, און דערנאך משמיע געווען דברות קודש פאר די שוחטים.

## באזוכן ביים רבי'ן שליט"א

היינט מיטאג איז הרה"צ ר' מענדל האגער שליט"א אב"ד קרית וויזניץ – א שוואגער פון רבי'ן שליט"א – וועלכער ווייל אצינד אין ניו יארק לטובת מוסדותיו, געווען ביים רבי'ן שליט"א אויף א באזוך ווי עס איז פארמירט געווארן א הערליכע שמועס בדברי תורה וחסידות.

꧁•꧂

שפעטער איז הרה"ג ר' משה מנחם ווייס שליט"א דומ"ץ פאפא ב"פ געקומען צו מרן רבינו שליט"א להתברך בברכת הקודש בעפאר די חתונה פון א קינד וועלכע קומט אי"ה פאהר די וואך בשטומ"צ, אינאיינעם מיט גיסו הרה"ג ר' סיני דייטש שליט"א רב דק' שאץ אין לאנדאן מגי"ש בישיב"ק סקווירא לאנדאן, ווי עס האט זיך פארמירט א שיינע תורה'דיגע שמועס.

꧁•꧂

## הגה"צ אבד"ק קהלתינו מאנטריאל שליט"א באזוכט אין לאנדאן

דעם שב"ק האט הגה"צ אב"ד קהלתינו מאנטריאל שליט"א געווייל אין לאנדאן, פרייטאג צונאכטס צווישען מנחה און קבלת שבת האט דער חשובע'ר גאסט שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה אין בית מדרשינו הגדול, ווי ער האט שיין מאריך געווען בהלכה ואגדה.

ליל שב"ק איז מען זיך צוזאמענגעקומען אין ביהמ"ד הגדול לכבודו פונע'ם חשובע'ן גאסט שליט"א, בהשתתפות הגה"צ אב"ד דקהלתינו לאנדאן שליט"א, ווי עס זענען געזונגען געווארען די זמירות שבת, און דערנאך האט דער מאנטריאלער רב שליט"א געזאגט דברי תורה און אזוי אויך דערציילט סיפורי צדיקים.

꧁•꧂

## לאנדאן פיבערט מיט הכנות צו די ביקור קודש פון מרן רבינו שליט"א

ווי געמאלדן וועט אי"ה דער רבי שליט"א אפשטאטן א באזוך פון אפאר טאג בקרב קהל עדתינו אין עיה"ב לאנדאן יצ"ו לרגל די הכתרה פון זייער נייעם רב שליט"א.

אין די טעג קומען פאר אסיפות און זיצונגען דורך די טובי קהלתינו הק' פון לאנדאן, און ווי אויך דורך די עסקנים החשובים שיחיו, וועלכע ארבעטן אויס די גענויע דעטאלען פונע'ם געהויבענעם באזוך וואס וועט אי"ה פאהרקומען דעם קומענדיגען פרשת תולדות.

צווישען אנדערען איז באשלאסען געווארן אז דער גראנדיעזער מעמד הכתרה וועט אי"ה פארקומען מאנטאג אוונט, און מיטוואך וועט אי"ה פאהרקומען דער גרויסארטיגער הכנסת ספר תורה וואס ווערט אריינגעגעבן דורך חברי קהלתינו הי"ו פון לאנדאן לע"נ אבינו רועינו מרן רבינו הק' בעל ברך משה זצוק"ל.

꧁•꧂

## אנ"ש אין אויסטראליע זענען תורם לטובת כולל למצויינים ויואל משה – ירושלים עיה"ק

ווי שוין געמאלדן פאריגע וואך, ווייל אין די וואכן הרה"ג ר' שלום שניצלער שליט"א מרבני כוללינו אין ירושלים עיה"ק, אין מעלבורין - אויסטראליע לטובת דעם כולל בעיה"ק ירושלים.

פארגאנגענעם דאנערשטאג האט דער חשובע'ר גאסט פארגעלערנט די וועכנטליכע שיעור חו"ר וואס קומט פאר יעדן ליל שישי בבית האברך ר' יוסף מרדכי לובעלסקי הי"ו ווי א שיינער ציבור אנ"ש און תושבי העיר האבן זיך באטייליגט און נהנה געווען פונעם הערליכען שיעור.

מוצאי שב"ק איז פאהרגעקומען דער מלוה מלכה לטובת דעם כולל, דער מלוה מלכה איז ארגעניזירט געווארן דורך האברך ר' אלימלך הערצאג הי"ו – א שוואגער פונע'ם מנהל הכולל הרה"ח ר' שמואל זאנוויל פויגל שליט"א, און איז פארגעקומען אין שטוב פון זיין שווער הרה"ח ר' ליפא מארקוס שליט"א ווי דער שליח הכולל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דברי תורה, און דער ציבור האט זיך גאהרווארעם משתתף געווען.

꧁•꧂

אין אנדערע נייעס גייען אצינד אהן די הכנות צו די יערליכע אקציע לטובת דעם בארימטן כולל וואס וועט אי"ה פאהרקומען בתוככי עיר וויליאמסבורג דעם קומענדיגן זונטאג פ' תולדות הבעל"ט.

*-אלקא דר' מאיר יעננו-*

꧁•꧂

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**